ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ תכ"ז ◇
פרשת קדושים
שנת תשע"ו לפ"ק

ג' תרפו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הגה"צ ר' אברהם עקשטיין שליט"א אבד"ק בוענאס איירעס

### זעקס יאר שמירת עינים

איך האב געהערט פון מיין טאטן הגה"צ רבי קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ"ל אב"ד ור"מ בוענאס איירעס ארגענטינא וואס ער פלעגט נאכזאגן בשם זיין רבי'ן הגה"ק רבי יושע בוקסבוים זצ"ל הי"ד וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן הגה"ק רבי שמואל ראזענבערג זצ"ל דער אונסדארפער רב וועלכער פלעגט זאגן פאר זיינע תלמידים אין די ישיבה אויף זיין שפראך: "א בחור וואס ביי די פירצן, פיפצן, זיכצן, זיבעצן, אכצן, ניינצן, קוקט ער ניקס, נאכדעם זעהט ער שוין"... וואס די כונה איז אז אויב א בחור איז זיך מחזק מיט שמירת עינים אין זיינע ימי הבחרות איז ער זוכה שפעטער צו האבן לעכטיגע אויגן.

איך האב געטראפן אין ספה"ק בארות המים פון הרה"ק רבי הערש מרימנוב זי"ע (פר' משפטים) עה"פ "כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעי יצא לחפשי חינם" זאגט ער אז ווען א איד זוכט אן עצה אין עבודת ה', און ער וויל מצליח זיין צו שטייגן אלס העכער און נישט נאכלאזן, איז די עצה אויב זעקס יאר רצופות וועט ער דינען דעם אייבערשטן, וועט אים דאס נאכדעם אנקומען לייכטער". די ווערטער שטעלן זיך צו מיט די ווערטער פונעם אונסדארפער רב זי"ע אז זעקס יאר עבודת ה' איז א ריכטיגע זמן צו אנקומען צו א מדריגה אין עבודת ה'. (יחזקאל שרגא עקשטיין)

ג' תרפז) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א

### ככל היוצא מפיו יעשה

איך בין געבוירן געווארן איין יאר נאך די הסתלקות פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זיע"א. כ'געדענק אינדערהיים ווי אינדערהיים פלעגן אידן רעדן און דערציילן מערערע מופתים און ישועות פון רבי ישעי'לע זי"ע, יעדער איד וואס איז געקומען צו אים האט דארט געזעהן ישועות.

כ'וועל דערציילן א מעשה וואס כ'האב מקובל פונדערהיים, עס איז געווען א איד וואס פלעגט פארן אויף שינאווע, אמאל האט ער נישט געקענט פארן קיין שינאווע, האט ער מחליט געווען צו פארן צו רבי ישעי'לע קיין קערעסטיר. דארט איז דאך געווען גרויס פשטות און דער איד איז געווען אנטוישט אז ער זעהט גארנישט, ביים טיש פרייטאג צונאכטס האט רבי ישעי'לע פארגעלערנט פון ספה"ק נועם אלימלך "זאגט ער... זאגט ער... זאגט ער..." אזוי איז געווען די גאנצע תורה מיט גרויס פשטות.

האט דער איד געטראכט אפשר ביי די סעודה שבת צופרי וועט ער זעהן עפעס מער, אבער ניין, רבי ישעי'לע איז געווען פארנומען "ווער ברויך נאך טשולענט?! ווער דארף נאך עסן?!". און ער האט גארנישט געזעהן בעניני עבודה אזוי ווי ער איז געווען געוואוינט צו זעהן אין שינאווע.

שבת נאכמיטאג זיצט דער איד אין ביהמ"ד און ער האט געטראכט "אמת ער איז געוואוינט צו זעהן די עבודה אין שינאווע, אבער די וועלט פארט דאך צו ר' ישעי'לע, און אידן זעהן דא ישועות גדולות, עס מוז זיין אז אזוי ווי רבי ישעי'לע האט א הייליג מויל, ווערט מקוים אלעס וואס ער זאגט, ווי עס שטייט אין פסוק "לא יחל דברו ככל אשר יוצא מפיו יעשה", אויב מ'היט דאס מויל, און ער וואונטשט, העלפט מען אים פון הימל אז אלעס ווערט מקוים".

אין יענע מינוט מאכט זיך אויף די טיר, רבי ישעי'לע שטייט דארט און ער זאגט פאר דעם איד "יא, יא, יא, לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה"...

איך וויל דערציילן נאך א מעשה וואס איך האב געהערט פון א איד וואס האט דאס געהערט פונעם בעל העובדא.

עס איז געווען א מעשה אין בארא פארק, א שטארק מאדערנער איד קומט אריין צו א היימישן סופר, און ער זאגט אים אז ער וויל שרייבן א ספר תורה לעילו נשמת הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע. דער סופר קוקט אים אן, ער וואונדערט זיך וואס האט אזא איד מיט רבי ישעי'לע. דערציילט ער אז ער איז א קאנטראקטער, א בויער, ער האט געהאט א שותף א גוי, ער האט אים געמאכט צופיל צרות און ער האט אים נישט געקענט פטר'ן, איז ער געפארן צו די יארצייט אויף קערעסטיר, ג' אייר תשע"ג לפ"ק, און ער האט מזכיר געווען ביי רבי ישעי'לע פאר א ישועה. אפאר וואכן דערויף האט דער שותף גע'פגר'ט, ממילא וויל ער שרייבן א ספר תורה לע"נ רבי ישעי'לע קערעסטירער.

למעשה דער סופר אין ב"פ שרייבט נישט קיין ספרי תורה נאר תפילין ומזוזות, אבער ער האט א סופר אין ירושלים וואס נעמט אן צו שרייבן ספרי תורה, האט ער אנגערופן דעם סופר פון ירושלים און דערציילט איבער די הצעה פון די ספר תורה, רופט זיך אן יענער סופר "אה, אין זכות פון רבי ישעי'לע קערעסטירער"...

פרעגט אים דער סופר פון ב"פ "ווי קומט אהער רבי ישעי'לע?", דערציילט אים יענער ירושלימ'ער סופר אז שוין א לענגערע צייט וואס ער מוטשעט זיך אויף פרנסה, און ער האט נישט באקומען קיין ארבעט, איז ער געפארן קיין קערעסטיר און ער האט זיך מזכיר געווען ביי רבי ישעי'לע, און דא פלוצלונג באקומט ער אזא הצעה, פארשטייט ער אז ער האט גע'פועל'ט אין קערעסטיר...

זאגט אים דער סופר "יא יא, רבי ישעי'לע האט טאקע געמאכט א גוטן שידוך"... זי"ע. (מפי התלמידים)

ג' תרפח) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אליעזר אבערלענדער ע"ה

### והיו למשיסה שוסיך

זיין פאטער הרה"ח רבי שלום ע"ה איז געווען א משב"ק ביי הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, און אויך זיין זון רבי אליעזר האט זוכה געווען במשך די יארן צו זיין יעדע יו"ט און יעדע יומא דפגרא פונעם יאר ביי רבי ישעי'לע.

האט ער דערציילט וואס בדידי הוי עובדא אז עס געווען אמאל ווען א אידיש מיידל איז פארכאפט געווארן ביי א ערל ל"ע און ער האט געוואלט חתונה האבן מיט איר, און וויפיל פעולות מ'האט נאר געטון איר צו ראטעווען איז דאס נישט געלונגען. ווען דער זיידע ר' אליעזר איז געפארן קיין קערעסטיר האט מען אים געבעטן אז ער זאל מזכיר זיין ביי רבי ישעי'לע פאר א ישועה.

ווען ער האט מזכיר געווען האט רבי ישעי'לע געפרעגט "מ'קען נישט רעדן צום שייגעץ?", האט ער געזאגט אז דער שייגעץ האט געסטראשעט אז נאך איינמאל מ'וועט קומען רעדן צו איהם איבער דעם ענין וועט ער שיסן.

האט רבי ישעי'לע אנגעהויבן צו לאכן "אזוי, ער וועט שיסן?! ביי מיין רבי ר' הערשעלע ליסקער ז"ל איז געווען אמאל ווען א גוי האט געסטראשעט אז ער וועט שיסן, האט ער געזאגט 'והיה למשיסה' אויב וועט ער שיסן 'שוסיך' וועט ער אליינס געשאסן ווערן"...

ווען דער זיידע איז אנגעקומען אהיים האט ער געהערט אז דער שייגעץ איז געגאנגען קויפן פלייש, און ער האט זיך דארט צוקריגט מיטן קצב איבער די פלייש, ביז ווען יענער איז געווארן אין כעס און ער האט ארויסגענומען א רעוואלווער און אים דערשאסן צום טויט. כן יאבדו כל אויבך ה'. (לוי יצחק לעווי, יוסף דוד לעווי)

ג' תרפט) עס דערציילט אונזער עלטער באבע - עלטער מומע תחי' אשת

## הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש שליט"א מנהל בית רחל

### גדולים צדיקים במיתתן

נאך די מלחמה איז געווען געווען איינע פון אונזערע באקאנטע וואס איז געווען א סלאוואקישע בירגער, זי האט געוואוינט אין פרעשבורג, און ווען זי איז אמאל געפארן פון אמעריקע אויף קברי אבות האט זי זיך אפגעשטעלט אין פרעשבורג און זיך דארט באגעגנט מיט די אלטע שכנים.

צווישן אנדערע האט זי באגעגנט א אלטע שכנ'טע, וואס האט נאר אביסל געהאלטן אידישקייט, און יענע האט האט זיך אפגערעדט מיט ווייטאג אז איר טאכטער וויל חתונה האבן מיט א שייגעץ, און כאטש זי איז אויך נישט קיין פרומע אידענע, אבער דאס איז שוין צופיל פאר איר.

זאגט איר די פרוי 'כ'האב אן עצה פאר אייך, איך פאר יעצט קיין קערעסטיר צו רבי

ישעי׳לע, קום מיט מיר, און מיר וועלן דארט פועל׳ן א ישועה׳.

רופט זיך אן יענע פרוי אויף אונגאריש ׳וואס קען מיר העלפן א טויטער רב ? !...׳, אבער ווען יענע האט איר מסביר געווען וואס מ׳פועל׳ט אלס אין קערעסטיר האט זי זיך געלאזט איינבעטן און זי איז געפארן מתפלל זיין ביי רבי ישעי׳לע.

ווען זי איז אהיימגעקומען, אראפשטייגענדיג פון די באן האט איר שוין אפגעווארט איר טאכטער, דערציילנדיג אז דער שייגעץ האט זיך פריער אויפגערעגט אויף איר, און ער האט איר משלח געווען און ער וויל איר מער נישט קענען. זי״ע. (ארי׳ לייבוש גלאנץ, משה יודא שפיטצער, ישעי׳ גדלי׳ גאנדל, שמואל דוד גאנדל, משה ישעי׳ שפיטצער, משה שפיטצער, משה ישעי׳ עקשטיין, הערשל עקשטיין).

ג׳ תרצ) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ מרדכי חנה בערגער ע״ה

### הכנסת אורחים אונטערוועגנס

איך האב געהערט פון ש״ב הרה״ח ר׳ שלמה גפן ע״ה אז ווען הרה״ק רבי ישעי׳לע זי״ע איז געווען דאס לעצטע מאל אין צאנז אויף די יארצייט פון הייליגן דברי חיים איז ער געווען זייער שוואך, און ער איז אהיים געפארן מיט די באן ביז פרעשאו, און פון דארט האט ער גענומען א טעקסי ביז קערעסטיר. אזוי ווי ער איז געווען פון בארדיוב איז ער מיטגעפארן מיט רבי ישעי׳לע ביז פרעשאו.

האט ער דערציילט אז רבי ישעי׳לע האט געהאט מיטגענומען מיט זיך א קויש מיט לעקאך און בראנפן, און ער האט געפרעגט ווער ער דארף א טרונק בראנפן זאל נעמען, אזוי האט ער מקיים געווען הכנסת אורחים אויך אונטערוועגנס.

רבי ישעי׳לע האט אלס געוואלט אליין טיילן דאס עסן, ווען אמאל האט אים איינער געוואלט העלפן מיטן טיילן האט ער געזאגט ״ווען איך טייל איז דא בריווח פאר יעדן״... וכך הוה, רבי ישעי׳לע האט געקענט טיילן א לענגערע צייט פון איין טאפ וואס האט בכלל נישט געקענט האלטן אין זיך אזויפיל עסן וויפיל ער האט געטיילט.

אמאל האט ער געטיילט טשאלנט, און א איד האט געזאגט אז ער ליידט אויפן מאגן, און שוין אנדערטהאלבן יאר וואס ער עסט נישט דעם מאכל אויפן אנזאג פונעם דאקטער, האט רבי ישעי׳לע אים געזאגט ״מיין טשאלנט איז בעסער״, און ער האט אים געגעבן צו עסן, און זייט דעמאלטס האט דער איד געהאט א רפואה שלימה און ער האט מער נישט געליטן אויפן מאגן. (הב׳ גדלי׳ בערגער, מאיר בערגער, מרדכי חנה בערגער, משה בערגער, וואלף בערגער)

ג׳ תרצא) עס פארציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ שלמה גבריאל פליישמאן הי״ו

### א מאמר פאר א יבמה

מיט יארן צוריק איז געווען זייער פארשפרייט דער מנהג ביי ליובאוויטשער חסידים פון קראון הייטס אז זיי פלעגן יעדן יו״ט ארומגיין איבער אלע בתי מדרשים זאגן א ׳מאמר חסידות׳ פון זייער רבי׳ן, אונטערן מאנטל פון ׳הפצת חסידות׳.

אין ערליכע בתי מדרשים פלעגט מען זיי נישט אריינלאזן, ווען די רבנים גאוה״צ זצ״ל האבן געוואוסט וואס זייערע פסול׳ע מטרות זענען, און זיי האבן זיך נישט גענויטיגט אין אינגעלייטלעך מיט מאדנע השקפות זאלן קומען ׳משפיע׳ זיין אין זייערע בתי מדרשים.

אמאל איז א אינגער ליבאוויטשער חסיד אריינגעקומען אין ווינער ביהמ״ד אין וויליאמסבורג, און ער איז צוגעגאנגען צום ווינער רב הגה״צ ר׳ עזריאל יודא לעבאוויטש ז״ל, און ער האט אים געזאגט אז ער וויל זאגן א ׳מאמר׳.

זאגט אים באלד דער ווינער רב: ״אינגערמאן, איך בין נישט א יבמה, כ׳דארף נישט קיין מאמר״... און יענער האט פארלאזט דאס ביהמ״ד. (משה ווייס, משה יודא שפיטצער, חיים יחזקאל שפילמאן, הערשל ווייס).

ג׳ תרצב) עס דערציילט מיין טאטע

## הרה״ח ר׳ יואל ברי״ש וויינבערגער הי״ו

### דערקענט דעם שר אויפן פנים

עס האט מיר דערציילט הגה״ח חו״פ מו״ה מרדכי דוד קאהן זצ״ל ר״מ בישיבה״ק:

״כ׳וועל דיר פארציילן א שיינע מעשה וואס כ׳האב געהערט פון הרה״ח רבי חיים בער גרינפעלד ע״ה, וואס ער איז געווען גבאי ביים ״דרכי תשובה״ און ביים ״מנחת אלעזר״, אז ער איז איינמאל געווען אויף די באן צוזאמען מיט׳ן דרכי תשובה, אינמיטן זענען אריינגעקומען עטליכע גוי׳אישע אפיצירן אויפן זעלבען וואגאן, רופט זיך אן דער דרכי תשובה ״כ׳וועל דיר זאגן ווער די אפיצירן זענען, דער אפיציר איז פון די מדינה, און דער פון די מדינה וכו׳, און יענער איז פון דייטשלאנד״...

און ער האט מסביר געווען ״יעדע אומה האט זיך זיין שר אויבן אין הימל, און די אלע שרי מעלה אין הימל קוקן אויס ווי די אפיצירן פון זייערע מדינות, ממילא לויט דעם האט ער געוואוסט אויף יעדער אפיציר צו וועלכע מדינה ער געהער, און יענער פון דייטשלאנד, ער האט אויף זיין פנים סימנים פון אידישן אפשטאם, און עס שטייט אין מהרש״ל סוף דעם ערשטן פרק פון מסכת יבמות (דף יז.) אויף דעם וואס די גמרא ברענגט דעם פסוק וואס רעכענט אויס די פלעצער וואו סנחריב מלך אשור האט פארטריבן די עשרת השבטים (מלכים-ב יח יא) וַיֶּגֶל מֶלֶךְ אַשּׁוּר אֶת יִשְׂרָאֵל אַשּׁוּרָה וַיַּנְחֵם בַּחְלַח וּבְחָבוֹר נְהַר גּוֹזָן וְעָרֵי מָדָי, אין די גמרא זאגט אז אין די אלע פלעצער איז דא אויסגעמישט פון די בני עשרת השבטים, זאגט די גמרא דארט ״וחבור זו חדייב״, שרייבט דער מהרש״ל דארט אין יבמות אויפן פלאץ בשם דעם ערוך (ערך חדייב) ״נ״ב, ארץ אשכנז״, ממילא מוז זיין אז ער איז פון דייטשלאנד, פון די אפשטאמיגע פון די עשרת השבטים״.

האט ר׳ חיים בער דערציילט, אז נאכדעם איז מען צוגעגאנגען צו די אפיצירן און געפרעגט יעדן איינעם פון ווי ער קומט, און עס האט געשטימט גענוי ווי דער דרכי תשובה האט געזאגט.

האט רבי מרדכי דוד צוגעלייגט ״דאס וואס ער האט געזאגט פון די שרי מעלה, דאס ווייס איך נישט, אבער די הגהות מהרש״ל אין יבמות, אז ער האט דאס אויפגעפאַסט, דאס איז מיר געפאָלן, איך בין עס תיכף געגאנגען נאכקוקן״... (נמסר לרגל סיום פ״ק דיבמות במסגרת ׳תורתך שעשועי׳) (שמעון וויינבערגער)

ג׳ תרצג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ג ר׳ אלימלך שלמה שווארץ שליט״א שו״ב

### טשעפענען מיט א לבוש איז א סכנה

ווען איך האב געוואוינט אין מאנסי מיט יארן צוריק האב איך אנגעטון פאר מיינע קינדערלעך שיחי׳ לאנגע ווייסע זאקן אום שב״ק. מאנסי איז דאך א שטאט מיט אלע סארט מענטשן און אלע סארט לבושים ממילא האב איך נישט געהאט קיין געפיל אז מיינע קינדער זענען אנדערש ווי אנדערע.

אבער ווען איך בין געקומען וואוינען קיין קרית יואל אין די אנהויב תש״מ יארן, ווי עס זענען אלע געווען היימישע סאטמארע משפחות, און קיינער איז נישט געגאנגען מיט דעם לבוש, בין איך געווען מסופק צי איך זאל ממשיך זיין דערמיט, אז מיינע קינדער זאלן זיין אנדערש ווי אלע היימישע קינדער, בין איך אריין זיך שואל עצה זיין מיטן רבי׳ן מרן הברך משה זי״ע.

האט מיר דער רבי דערציילט אז עס איז געווען א איד פון די נאנטע מענטשן צום טאטן דער עצי חיים זי״ע וואס האט ל״ע נישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט אלס קומען מפציר זיין ביים עצי חיים פאר א ישועה. האט אים דער עצי חיים געזאגט אז צו פועלן א גרויסע ישועה דארף מען טוהן א פעולה פון מסירות נפש, און אויב ער קען פועל׳ן ביי זיין בני בית אז זי זאל אויסטוהן דאס שייטל און זיך אנטון ווי א ערליכע אידישע טאכטער דאן זאגט ער איר צו א בן זכר. די פרוי האט אזוי געטון און צו דער צייט איז זי געהאלפן געווארן מיט א בן זכר למז״ט. דאס איז דעמאלטס געווען א גרויסער מופת אין די שטאט.

מיט א צייט שפעטער ווען די משפחה האט זיך געטראפן אינאיינעם זענען געווען וואס האבן חוזק געמאכט פון די פרוי וואס האט זיך געטוישט דעם לבוש, זאגנדיג ׳וואס פארא שייכות האט דאס אויסטון דעם שייטל מיט האבן קינדער? !...׳ די פרוי האט זיך זייער געשעמט האט זי צוריק אנגעטון דעם שייטל, און דאס קינד איז ביז געציילטע טעג נפטר געווארן ל״ע.

נאך די ימי אבילות איז דער איד אריין צום עצי חיים און ער האט געזאגט אז ער איז מקבל אויף זיך דעם דין שמים באהבה און ער פארשטייט אז דאס איז אן עונש אויף דעם וואס זיין פרוי האט צוריק אנגעטון דאס שייטל, אבער ער וויל פארשטיין פארוואס האט דאס אזוי שנעל פאסירט און מען האט אים נישט געגעבן פון הימל די געלעגנהייט אז ער זאל זיך קענען מתבונן זיין און האבן א רמז פון הימל אז ער זאל תשובה טון ? !.

האט אים דער עצי חיים געזאגט ״טשעפענען מיט א לבוש איז א גרויסע סכנה, און כאטש וואס אויף א שייטל זענען דא אוסרים און עס זענען דא מתירים (דער רבי פלעגט זאגן אז די מתירים האבן נאר מתיר געווען די אמאליגע שייטלען וואס האבן אויסגעזעהן ווי די סחורה אין וואס מ׳וויקלט איין די אתרוגים, אבער די היינטיגע שייטלעך האבן נישט קיין שום היתר) און מיר האבן אנגענומען די שיטה פון דברי חיים אז דאס איז אסור, אבער ווילאנג זי איז געגאנגען מיט א שייטל איז נישט שייך געווען אז מ׳זאל איר מעניש זיין דערוועגן, אבער נאכדעם וואס זי איז שוין געגאנגען מיט אן ערליכע לבוש, איז ווי נאר זי האט פארשעמט דעם ערליכן לבוש און זי האט דאס אויסגעטון האט זי זיך אליינס אריינגעלייגט אין א סכנה פון וואס זי האט זיך שוין נישט געקענט ארויסדרייען.

האט דער רבי אויסגעפירט ״איך ווייס נישט וואס איז דער ענין פון אנטוהן ווייסע זאקן פאר קליינע קינדער, אבער אזוי ווי איר האט דאס שוין אנגעטון פאר די קינדער איז דאס שוין א סכנה אויסצוטוהן...״ (מרדכי יאזשעף).